STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00980

# LIKHTIKE MINUTN

## Nochum Yood

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Erica Bickell*
*in memory of*
*her grandmother, Jeannette*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ליכטיקע מינוטן

פון

## נחום יוד

צייכנונגען
און האָלצשניטן
פון
נאָטע קאָזלאָווסקי

Copyright, 1932, by
Workmen's Circle

ארויסגעגעבן
פון
ארבעטער רינג

ליכטיקע
מינוטן



# קינדערלאַך

העלע פּרימאָרגנס
אין גאָלדענעם שיין,
קינדערלאַך קליינע,
געזונט זאָלט איר זיין!

בלוי איז דער הימל,
ווי בלימלאַך פון ליין,
קינדערלאַך טאַנצן
ראַד אויס און ראַד איין.

אָונטן שטילע
אין רויטלאַכן שיין,
פייגעלאַך מידע,
זיי שלאָפן שוין איין.

# ליכטיקייט

ליכטיקייט אויף מענטשן,
זונשיין אויפ׳ן פעלד,
און עס ווילט זיך בענטשן,
אויסזינגען די וועלט.

דורכזיכטיקע ווייטן,
הימל-בלויער רוים,
און פון אַלטע צייטן
שימערט אויף אַ טרוים.

פֿאַרלאַכוויז די טויבן
וואָרקען צערטלאך-שטיל,
און עס ווילט זיך גלויבן
אין דעם גרויסן ציל.

## צייטנווייז

און צייטנווייז, און צייטנווייז
דוכט זיך מיר נאָך אוים,
אַז וועלטן ניט געזעענע
שטייען וואו פֿאַראוים.

אַז בערג באַשטראַלטע, זוניקע,
וואַרטן שטילערהייט
אויף ימען ברייטע, רווישיקע,
ימען פֿול מיט פֿרייד.



## פרילינג אין שטאָט

דער הימל ריין, דער הימל בלוי,
עס שימערט און עס שיינט;
און פרעמדע מענטשן גריסן זיך
אַזוי ווי גוטע פריינד.

די גאַס איז פול מיט קינדערלאַך,
מען טאַנצט ביי יעדן הויז;
און פון אַ פענצטער שמייכלענדיק
אַ מאַמע קוקט ארויס.

ס'איז שיינענדיק, און לעבעדיק,
און טומלדיק אַרום;
אין מיטן גאַס צוויי שפערלינגלאַך,
צוויי קליינע טאַנצן אום.

— טשיר־טשיר, טשיר־טשיר, מיין טייערע,
ס׳איז פרילינג, וואָס זאָגסטו דו?
— גערויס, מיין ליבער,—צווישערט אויך
זיין חברטע אים צו.

און ביידע אויף דער מיטן גאַס
צעפרידן טאַנצן אום.
ס׳איז לעבעדיק, און טומלדיק,
און שיינענדיק אַרום.

# שמייכלען

זיינען פייגעלאך פריילאך געקומען
און מען זינגט, און מען הילכט, און מען שאַלט,
האָבן בלעטעלאך גרין זיך צענומען,
און א שמחה, אַ פרייד איז אין וואַלד.

האָבן וואַסערן ברייט זיך צעלאָזן
און מען איילט, און מען לויפט ערגעץ־וואו,
קוקן שעמעוודיק יונגינקע גראָזן
און די בלימעלאך־בלוי שמייכלען צו.

פליען־פלאַטערן זיידענע טויבן
איבער פעלד, איבער שייער און הויז,
און דורך לויטערער בלויקייט פון אויבן
שיקט די זון אירע שמייכלען אַרויס.

# גוט מאָרגן

גוט מאָרגן, מאָרגן, פייגעלע; ס׳איז גוט וואָס דו ביזט דאָ!
איך בין דאָך איצטער גאָר אַליין אין וואונדערלאַכער שעה...
אַ דאַנק דיר, טייער פייגעלע, אַ דאַנק פאַר דיין ציף־ציף,
וואָס ווייסטו ווי עס זינגט זיך ביי מיר איצטער אין דער טיף?
אַ גאַנצע זון מיט ליכטיקייט איז איצט אין מיר אַריין,
אַ זינגענדיקע וועלט דורכוים פון לויטערקייט און שיין!...
און איך בין גאָר אַליין אין אַזאַ וואונדערלאַכער שעה,
אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר, פייגעלע, ס׳איז גוט וואָס דו ביזט דאָ.






## דאָס פלאַטערל און דער וואָרים

געזעסן איז אַ פלאַטערל
אין גאָרטן אויף אַ קווייט ;
ערשט מיט אַמאָל — פון ווייטן קריכט
אַ וואָרים שטילערהייט.

— דו וואָרים, וואָרים, ווערימל,
וואָס קריכסט דו דאָ אַהער ?
דו ציסט זיך און דו מאַטערסט זיך,
דיר איז דאָך נעבאָך שווער !...

— איך קריך אַהער — מיר ווילט זיך זען
ווי פּרעכטיק איך וועל זיין,
ווען איך וועל אויך, אַ פּאַרביקער,
אַרומפליען אין שיין.

— דו רעדסט דאָך, וואָרים, מאָדנע רייד,
מען קאָן דיך ניט פאַרשטיין !
דו ביסט דאָך אַזאַ מיאוסער —
און איך בין אַזוי שיין...

— איז וואָס ? דו ביסט דאָך אויך געווען
אַ וואָרים פּונקט ווי איך...
. . . . . . . . . . .
אַוועקגעפלויגן איז פאַרשעמט
דאָס פלאַטערל אויף גיך...

## טויבן

עס שיינט שוין פון אויבן
אַ ליכטיקער פּאַס;
איך האָב היינט צוויי טויבן
געזען אויף דער גאַס.

זיי זיינען געפלויגן,
די טייבעלאַך צוויי;
איך האָב מיט די אויגן
געשמייכלט צו זיי...

אויף אָפענע פעלדער
איז יום-טובדיק היינט;
אַ, פעלדער און וועלדער,
נעמט-אויף מיינע פריינט!

## פרייד

זאַנגען אָנגעגאָסענע,
פעלדער ליכטיק ברייט, —
קום אַרויס, פאַרשלאָסענע,
שטראַל אַרויס, מיין פרייד!

רייס זיך אויס, אַ מעכטיקע,
ברויז אַזוי ווי ווייַן, —
ברייטע פעלדער פּרעכטיקע,
לאָנען פול מיט שיין!

# חנהלע

שטייעןביים טייכל פארחלומט
ביימער באַגאָסן מיט שיין.
חנהלע זיצט לעבן טייכל,
קוקט אינ׳ם וואַסער אַריין.

ערגעץ צעזינגט זיך אַ פויגל —
חנהלע חלומט און טראַכט.
נאָר אירע אייגעלאַך פינקלען,
שיינען ווי שטערן ביינאַכט.

חנהלע ווייס, אַז דער פויגל
זינגט דאָס זיין לידל פאַר איר,
זיצט זי אַ שטילע ביים טייכל,
גיט זיך פון אָרט ניט אַ ריר.

לאַנג שוין דער פויגל אַנטשוויגן,
חנהלע הערט זיך נאָך איין...
דרימלט דאָס וואַסער אין טייכל,
דרימלען די ביימער אין שיין.


נ.ק

## אַזוי שיין

אַזוי שיין איז אונזער וועלט,
שיינענדיק און קלאָר.
עפנסט דו די אויגן אויף —
חלום אויפ'ן וואָר!

הימלען קלאָרע, לויטערע,
טויבן פליען אום;
און די פרייד פון קינדער־טעג
קערט זיך צו דיר אום.

גייסט דו, ווי צום ערשטן מאָל
אויף דער גאַס אַרויס,
שמייכלען דיר פאַרבייגייער,
שמייכלט יעדע הויז.

עפנסט דו די אויגן אויף —
חלום אויפן וואָר!
שטייט די גאַנצע וועלט פאַר דיר
שיינענדיק און קלאָר.

## טעג

טעג פון גאָט געשאָנקענע,
טעג פון שטילער פרייד!
לייכטע וואָלקנס זילבערנע
שווימען שטילערהייט.

שטייען די בעראָזקעלאַך
ווי די כלות פרום,
גלעטנדיקע ווינטעלאַך
נעמען זיי אַרום.

עפענען זיך וואסערן
אַזוי פריי און ברייט...
טעג פון גאָט געשאָנקענע,
טעג פון שטילער פרייד.

# חומש

אין אומעטיקע טעג, וואָס גאָט האָט אונז געבאָטן,
פאַרטיף איך זיך אין בוך פון יענער אַלטער צייט:
ווי יצחקס פעלד געווען איז הונדערטפאַך געראָטן,
ווי גאָט געבענשט האָט אים, אַ גר ביי פרעמדע לייט.

און אָט איז רחל מיט די שעפסן אָנגעקומען,
און יעקב נעמט פון קוואַל דעם שווערן שטיין אַוועק,
און ווי אין ליבשאַפט זיינען זיך פאר אים צעשוואומען
די לאַנגע שווערע יאָרן ווי געציילטע טעג.

דערנאָך ווי ער האָט זיך מיט עמיצן געראַנגלט
ביז אויפגעגאַנגען איז דער מאָרגנשטערן ווייס,
און קעמלען שווימען דורך מיט בשמים און מיט מאַנדלען:
מען נידערט אין מצרים נאָך אַביסל שפייז...

די שיינקייט פון דער וועלט איז אין דעם בוך באַהאַלטן,
אַ גרויסע איינפאַכקייט, אַ לויטערע ווי טוי...
און נאָענט בלייבן אונז די אייביגע געשטאַלטן,
און עפּעס גלויבט זיך אונז — ס'איז אַלץ געווען אַזוי.

## יונגע פייגל

אויף די גרינע צווייגן
זינגען יונגע פייגל,
איבער זיי פון אויבן
שיינט דער רעגנבויגן.

יונגע פייגל זינגען
ליכטיקע געזאַנגען,
און אויף פרישע פעלדער
צייטיקן זיך זאַנגען.

ווערט ניט שנעל אַנטשוויגן,
פייגל מיינע יונגע!
און פאַרגעסט ניט קיינמאָל
וואָס איר האָט געזונגען.

ש ט ע ט ל

# אַ פרימאָרגן אין שטעטל

טונקל רויט גייט אויף די זון
און צינדט אָן דעם הימל.
רוט דאָס קליינע שטעטעלע
איינגעהילט אין דרימל. .

לייגער, דוכט זיך, איז די גאַס
און די הייזלאַך קלענער;
הייזעריק, פאַרשלאָפענע,
קרייען ערגעץ הענער.

און פאַרשלאָפן, סקריפענדיק,
עפנט זיך אַ טויער,
גענעצנדיק גייט אַרויס
אויף דער גאַס אַ פּויער.

טרו—טרו—טרו, דער פּאַסטוך קומט
בלאָזנדיק אין האָרן,
איז אין שלאָפנדיקער גאַס
פריילאַכער געוואָרן.

גייען בהמות שוין אין פעלד,
וואַרפן מיט די עקן,
טרייבט אַ אידענע איר ציג
מיט אַ לאַנגן שטעקן.

גייט אַ פויערטע צום טייך
אָנפילן די עמער,
גייט אַ איד אין שול אַריין
און אין קראָם דער קרעמער.



# ווינטער אָוונט

ווינטער אָוונט, — שטיל און רואיק
איז אין אונזער הויז.
ביי דעם אויוון זיצט די באָבע,
האַלט מיך אויף איר שויס.

מיט אַן אומעטיקן שמייכל
קוקט זי אויפ'ן פלאַם,
און דערציילט מיר ווי אַ פויגל
האָט געלעבט ביים ים.

ווי אַ שיף איז צוגעשוואומען
צו אַן אינזל ווייט,
וואו געלערנט האָבן תורה
זיבן אַלטע לייט.

ווי אַ וואָרף געטאָן דער מלך
האָט זיין רינג פון גאָלד,
נאָר דאָס קינד צום אָפּגאָט בוקן
האָט זיך ניט געוואָלט.

אָדער גאָר זי הייבט אָן זינגען
שטילערהייט אַ ליד:
ווי אַ בעטלער איז געקומען
צו אַ גוטן איד...

ווי דער רבי איז געפאָרן
איינמאָל אויפן ים,
ווי אַ צווייגל אָפּגעבראָכן
האָט זיך פון זיין שטאָם.

ווי געפלויגן איז אַ פּאווע
איבער גרינעם וואַלד,
ווי די כאַפּערס פלעגן כאַפּן
קינדערלאַך מיט גוואַלד.

און איך הער זיך צו פאַרכישופט
צו דער באָבעס רייד,
און פון מיינע אויגן פאַלן
טרערן שטילערהייט..

קיינער איז ניטאָ אין צימער
מער ניט מיר באַנאַנד,
און די טאַנצנדיקע שאָטנס
אויף דער ווייסער וואַנט.


נ.ק

# דער באָבעס ליד

— זינג אונז עפּעס, באָבעניו,
זינג אונז באָבע-קרוין!
— כ'האָב אייך אַלע לידעלאך
אויסגעזונגען שוין.

— ניין, ניט אַלע, באָבעניו,
טו אונז נאָר צוליב...
וועלן מיר דיך, טייערע,
נאָכמער האָבן ליב.

— וואַרט, נאָר, כ'האָב אַ לידעלע,
אָבער אָן אַ סוף,
וואָס מען פּלעגט עס צוזינגען
קינדערלאך צום שלאָף:

„זיבן גענז געקאָוועטע,
קינדער מיינע ליבע,
זיינען געפאָרן חתונה האָבן,
קינדער מיינע ליבע.

נאָר דער גאַנער, דער פאַרשייטער,
קינדער מיינע ליבע;
האָט זיי גענעריגט און געשלאָגן,
קינדער מיינע ליבע.

זיבן גענז"... — „געקאַוועטע!"
העלפן מיר אַרוים,
און צעפרידן נעמען מיר
טאַנצן איבער הויז.



## אין אַ ווינטערדיקער נאַכט

עס ציט זיך אַ גלאַנציקער שלייער
פון שנייאיקע פעלדער פאָראויס;
אין טיפקייט פון טאָלן, פאַרווייעט,
אַ דאָרף הינטער וועלדל וואַקסט אויס;
פאַרכמורעטע שטיבעלאך אַלטע,
צעשויבערט ווי פייגל אויף שניי...
עס קוקט מיט אַ לויטערער קאַלטקייט
די שטילע לבנה אויף זיי.

זי צויבערט איר זילבערנעם צויבער
און ציט אירע פֿעדים פֿאַרטראַכט,
אַליין אין דעם מדבר פֿון אויבן,
אַליין אין דער וויסטקייט פֿון נאַכט...
עס יאָגן זיך שטיל אירע רייטער —
חלומות אויף בלויליכע פֿערד...
ווי ריין איז, אָ, צויבערין ווייטע,
דיין רואיקער בליק אויף דער ערד!

עס שפּילן זיך אָפּגלאַנצן קלאָרע
אין בלויקייט פֿון שניי און פֿון אייז;
די וועלט איז אינגאַנצן פֿאַרלאָרן
אין שימער פֿון בלוי און פֿון ווייס;
ס'איז סומנע אַזוי אויף די פֿעלדער,
אין ימען פֿון שטילקייט און קעלט...
און פּלוצלונג — פֿון זייטיקן וועלדל —
צעוויינט זיך אַ וואָלף אויף דער וועלט.



## דער פּעטער עליע

דוכט זיך, פּעטער עליע פֿאָרט,
אוי! דער פּעטער עליע!
יע, דאָס איז ער טאַקע דאָרט
אין זיין לאַנגער דעליע.

אָט האָט ער אַהינטער הויז
אויסגעשפּאַנט זיין פֿערדל;
קוקט, ער דרייט דעם שליטן אוים —
טרייסלט זיך זיין בערדל.

שאַ, ער גייט אין שטוב... אַזוי
אָנגעפּעלצט, פֿאַרפֿראָרן...
— גוטן אָוונט אייך! אוי וויי,
איז דאָס קאַלט געוואָרן!

לאָזן מיר זיך גלייך צו אים,
שפּילען אָפּ זיין דעליע, —
שרייט די מאַמע אָן אויף אים:
— דו צעלאָזט זיי, עליע!

טו זיך אוים, רו אָפּ פון וועג,
זעץ זיך צוביים פייער...
— וואַרט נאָר, כ׳ברענג אַריין די פּעק,
ווער איך מיר שוין פרייער.

שטייען שוין די פּעק אין הויז,
און דער פעטער עליע
קריכט פאַמעלינקע אַרוים
פון זיין לאַנגער דעליע.

כאַפּן מיר אים שוין אַרום
באַלד פון אַלע זייטן,
און די מאַמע בייזלאַך-קרום
קוקט אויף אונז פון ווייטן.

שווערע, גרויסע פּעק, — פון אָרט
קאָן מען זיי ניט רירן...
האָט דער פעטער עפּעס דאָרט
אונז געבראַכט צעפירן?

—קומט נאָר, קליינוואַרג, קומט אַהער!
רופט אונז צו דער פעטער,
אוי, איך זע, איר קאָנט ניט מער
וואַרטן שוין אויף שפּעטער.

האָב איך דאָ פֿאַר אייך אַ באַר,
זים אַ פֿאַרגעניגן!
ווער עס איז פֿון אייך דער נאַר,
יענער וועט זי קריגן.

— פּעטער, טייערער, אוי גיב,
גיב אונז שוין די באַרן, —
ווייל מיר ווייסן, האָסט אונז ליב,
וועסט דו אונז ניט נאַרן.

—אוי, זאָגט ער, איר זייט, ווייזט אויס,
גאָר ניט קיין נאַראָנים...
און אַ שמייכל שפּילט אַרויס
אויף זיין גוטן פּנים.

נו, אַט האָט איר אייך דערפֿאַר:
בינדט ער אויף אַ פּעקל,
גיט אונז יעדערן אַ באַר
און אַ קניפּ אין בעקל.



## אַ זומער נאַכט אין שטעטל

די שטילע לבנה באַזילבערט די נאַכט,
עס שטייען די ביימער ביים טייכל פאַרטראַכט.

די גאַסן פאַרחלומט, אין שטעטל איז שטיל,
עס רוישט נאָר פון ווייטן דאָס וואַסער אין מיל.

נאָר אַט גיט אַן עפן זיך ערגעגץ אַ טיר —
אַ שטילער געלעכטער, אַ ציטער אַ ריר...

צווײ שאָטנס... אין בלויקייט פאַרשווינדן זײ באַלד;
אַוועק איז דאָס פּאָרל שפּאַצירן אין וואַלד.

און בלויז די לבנה, וואָס ווייס פון דעם סוד,
באַגלייט די געליבטע אַהינטער דער שטאָט.

זי שמייכלט פון אויבן פאַרטרויליך און שטיל,
און ס'רוישט אַזוי פרידלאַך דאָס וואַסער אין מיל...

# אַ גרוס

אַ גרוס צו דיר, מיין שטעטעלע,
אין מאָהליוער גובערניע!
אַ גרוס איך קליינע שטיבעלאַך,
צעוואָרפענע אין טאָל!

איך וויים, דו האָסט געענדערט זיך,
די צייטן זיינען אַנדערע...
דאָך ליב ביזט דו און טייער מיר,
מיין שטעטל פון אַמאָל!

די צייט איז איצט אַ שטורמישע...
און בוימער אַלטע קראַכן איצט,
און ווינטן נייע האָבן זיך
איצט אויף דער וועלט צושפּילט.

נאָר קלערער פיל און ליכטיקער,
און שענער נאָך און לויטערער
שטייט אויף פאַר מיינע אויגן איצט
דאָס וואונדערלאַכע בילד.

אָ, בילדער שיינע, ליכטיקע,
און לעבנס שטילע, ערלאַכע,
און פרומע, אַלטע אידישע
ישובים פון אַמאָל !...

שוין יאָרן לאַנגע וואַנדער איך
דורך לענדער און מדבריות,
און זוך צוריק דעם וועג צו דיר,
מיין שטעטעלע אין טאָל !...





# אַ לעגענדע

איז אַ בעטלער צו אַ גרויסן גביר געקומען,
און דער גביר געוועזן איז אַ קאַרגער.
— גיט מיר עפּעס, גוטע מענשן, אַ נדבה,
איך בין הונגעריק און מיד פון וועג.

— גיי, איך האָב דיר גאָרנישט וואָס צו געבן,
האָט דער גביר אַ בייזער אים געענטפערט.
אַלע וואָלטן וועלן פון מיר שטיקער רייסן...
גיי זיך, אַלטער, גיי זיך אין דיין וועג!

און ביים פענסטער איז דעם עושרס ווייב געזעסן,
און זי האָט דעם בעטלער גלייך אַריינגערופן:
— קומט אַריין, רב איד, זייט מוחל, קומט אַריין,
זעצט זיך צו, רוט אָפּ און וואַשט זיך עסן.

און זי האָט פאַר אים צום טיש געגרייט,
ערשט זי זעט — אַ גרויסע ליכטיקייט אין צימער.
— זאָגט מיר נאָר, רב איד, איך בעט אייך,
שיינט דאָס די לבנה אויפ'ן הימעל?

— ניין, דאָס שיינט ניט די לבנה אויפ'ן הימל,
נאָר דאָס שיינט דיין ליכטיקע נשמה,
און דאָס שיינען דיינע גוטע מעשים,
און דאָס שיינט די צדקה וואָס דו האָסט געגעבן.

האָט די פרוי זיך זייער שטאַרק דערשראָקן:
— אפשר זענט איר טאַקע אליהו?
— שרעק זיך ניט, דו גוטע פרוי, ניט שרעק זיך,
אליהו הנביא שטייט דאָ איצט פאַר דיר.

האָט זי אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו וויינען:

— כ'האָב אויף דיר געוואַרט מיין גאַנצן לעבן,

דו זאָלסט קומען און מיך בענטשן מיט אַ קינד,

אַז מיין נאָמען זאָל פאַרבלייבן אויף דער ערד.

— דיינע קינדער וואָלטן זיין רשעים,

ווי דיין מאַן וואָס וועט זיך מאַטערן אין גהנום...

איצטער קום מיט מיר, מען וואַרט אויף דיר אין הימל

קום, און בעט דאָרט רחמים פאַר דיין מאַן.

. . . . . . . . . . . .

ווען דער עושר איז אין שטוב אַריינגעקומען,

האָט ער שוין דעם בעטלער ניט דערוויסט:

אויף דער ערד געלעגן איז זיין ווייב אַ טויטע

און פון פענסטער איז אַ טויב אַרויסגעפלויגן.

# אַרבעט

# אַרבעט

פון שטיינער, פון שטאָל און פון אייזן,
אַ ריזיקע שטאָט וואַקסט אַרויס, —
ניט גרויס זיינען מענטשלאַכע כוחות,
נאָר מענטשלאַכער ווילן איז גרויס!

און ס'יאָגן זיך באַנען דורך וועלדער,
און שיפן דורך לופט און דורך ים, —
ווי הויך איז דער שוואונג פון דעם מענטשן,
ער האָט ניט קיין אויפהאַלט, קיין צאַם!

און גרויס איז דער אייביקער אומרו,
וואָס שרייט פון זיין שאַפונג אַרויס,
ווען ריזן־שטעט, שיפן און באַנען
פון אייזן און שטאָל וואַקסן אויס.

## מאַרש פון ערשטן מאַי

אַ יום טוב מאַכט אויף אַלע מערק
און פייערן צינדט־אָן אויף בערג!
מיר קומען — שטורעמס אָן אַ צאַם,
פון לאַנד צו לאַנד פון ים צו ים.
מיר קומען אָן,
מיר קומען אָן!

און פעסט און זיכער אונזער טראַט!
מיר קומען אָן פון גרויסער שטאָט
מיט הונגער־פייערן אין בליק,
מיט הערצער אויסגעביינקט נאָך גליק,
מיר קומען אָן,
מיר קומען אָן!

מיר גייען אַלע פעסט און גרייט,
ווי ליכטיק פלאַטערט אונזער פרייד!
מיר שלאָגן פייער אוים פון שטיין,
און קנעכט און האַר מוז מיט אונז גיין.
מיר קומען אָן,
מיר קומען אָן.



# ברויט

גאָט פאַרשאָלטן האָט דעם מענטשן
אויף דער ערד;
און דאָס ברויט מיט שוויים פון פּנים
אים באַשערט.

נאָר דאָס ברויט פאַרביטערט האָבן
מיר אַליין,
אין דעם טריבן טאָל פון טרערן
און געוויין.

מאַטערן זיך מענטשן... יאָרן, דורות
נאָכאַנאַנד!
וויפיל קנאה, האַס און טרערן,
וויפיל שאַנד...

שווער איז אונז, זיך שווער צו ראַנגלען
מיט דער נויט,
אָפּצוגעבן אונזער לעבן
פאַר'ן ברויט...

## צו די זאַטע פון לעבן

איר, זאַטע פון לעבן,
מאַכט מיאוס די וועלט!
דעם וועג דאַרף מען געבן
דעם דאַרשטיגן העלד!
קאָן זיין אַז ער יאָגט זיך
נאָך שאָטנס אין וועג,
דאָך זעט ווי ער טראָגט זיך
דורך גרויקייט פון טעג.

אַ אינגל איז קליגער
און רייכער פון אייך!
אים וואַקסן דאָך פליגל,
ער לאַכט דאָך פון אייך!
צו וואָס זאָל ער הערען
פון אייך קלוגע רייד,
אַז אים זיינען טרערן
דאָך אויכעט אַ פרייד.

וואָס טויג אייער שכל ?
ווי אייז איז ער קאַלט.
דעם גיפּטיקן שמייכל
אויף שנעלער באַהאַלט !
מען קאָן ניט פאַרטונקלען
דעם דאָרשטיקנס גליק,
ווען וואַסערן פינקלען
אַנטקעגן זיין בליק.

## צו סטרייקער

געפּייניקטע מענטשן וואָס גייען אין יאָך,
פאַרדונגענע וואַכן און יאָרן.
מיט אייך בין איך, ברידער, איך גיי דאָך אייך נאָך
און טראָג אין מיין ברוסט אייער צאָרן.

גבורים אין קייטן פון גאָלד און פון נויט
מיט קעפּ און מיט רוקנס געבויגן...
נביאים פאַרשטומטע! איר טראָגט שטילערהייט
דעם משפּט אין אייערע אויגן.

און ווער ס׳זאָל ניט זיגן — די זיגער זייט איר,
ווייל איר זייט די שעפער און בויער!
עס וואַקסט אייער קראַפט, אייער שטאָלצקייט אין מיר
נאָך מער ווי מיך ברענט אייער טרויער.

## דער אַלטער פאַרמער

— היינט וועט זיין אַ שיינער טאָג,
טוט דער אַלטער ראַי אַ זאָג.
ער האָט זיך, אַזוי ווי אַלע טאָג,
אויפגעכאַפּט דער ערשטער, און אַרויס אין הויף.
מיט אַ טומל און געלויף
רינגלען אים אַרום די עופות,
רייסן זיך און שטופּן זיך — אַ גוואַלד!
גיט ער זיי אַ וואָרף דאָרט קערענער אַ הויפן,
און באַטראַכט דעם פּלויט וואָס ווערט שוין אַלט.

היינט וועט זיין אַ פיינער טאָג צו שניידן היי,
טראַכט דער אַלטער ראַי, און שאָקלט מיט'ן קאָפּ,
ער, ווען איך וואָלט אינגער נאָר געווען!...
ער טרייבט אָפּ דעם הונט, וואָס טרעט פון אים ניט אָפּ,
און ער לאָזט זיך גיין די גרינסן זען.

און אין שטוב איז מען שוין אויף דערווייל.
ס'עפנט זיך און מאַכט זיך צו די טיר,
קינדער לאַכן הילכיג, וואַשן זיך און איילן,
און די פרויען, — טעכטער, שניר, —
גרייטן אָנבייסן שוין צו.

אין די שטאַלן גייט שוין אויך די אַרבעט אָן:
רווישנדיק און פריילאַך
שטראָמט דאָס שוימעוודיגע מילך אין עמערס,
און די בהמות קייען זיך פּאַמעלאַך.
אויפן האַלז ביי איינער, אַ בכבודיקער קו,
קלינגט אַ בלעכן גלעקל צו.

אָנבייסן שוין פאַרטיג. זיצן אַלע שוין ביים טיש,
און דער אַלטער ראַי, ווי שטענדיג אויבן אָן,
עסט ניט איילנדיק זיין אָנבייסן,
און זאָגט אָן די קינדער וואָס צו טאָן.

נאָכ׳ן עסן. ווער אין פעלד, און ווער אין וואַלד.
באַלד
איינגעשטילט ווערט שוין די הויז אינגאַנצן.
און דער אַלטער שמייכלט — ווי זיין בייבי-דזשים,
איצט אַ יונג, אַ דעמב, פון אַ יאָר צוויי-און-צוואַנציק,
נעמט די פולע קאַנען מילך אין פאַכט אַריין.

שיינע טעג,
טראַכט דער אַלטער, זייער שיינע!
און ער זעצט זיך אויפ׳ן ברייטן גאַניק שטיל אַוועק,
אויפצוכעמען די גוטמאָרגנס פון די שכנים
און באַגריסן דורכפאָרער אין וועג...



## אויף אַן ארבעטער בית עולם

און ווער דו ביזט, פאַרבייגייער,
אַ וויילע שטעל זיך צו :
דאָ עפענען זיך טויערן
פון אייביקייט און רו.

די רו איז דאָ אַן אייביקע,
פון קיינעם ניט געשטערט,
דאָ שלאָפן מידע אַרבעטער,
די בויער פון דער ערד.



# אין פאַבריק

עס רוישן מאַטאָרן ווי בינען,
אין טומל איז קוים וואָס מען הערט...
און אַרבעטער איבער מאַשינען,
ווי רייטער אויף שטאָלענע פערד.

עס יאָגן די פערד זיך און אײלן —
נאָר ניט אין דער אָפענער ווייט...
דאָך האַסטיק פאַרשלינגען זיי מײלן
פון לייוונט, פון סאַמעט און זייד.

עס זיצן די מענטשן געבויגן
פון מוראיגן אימפעט געשפּאַנט,
און אָנגעשטרענגט זיינען די אויגן —
נאָר זיכער און פלינק איז די האַנט.

זיי טרייבן אַזוי פון באַגינען
ביז אָוונט די שטאָלענע פערד...
— עס קלאַפּן און רוישן מאַשינען, —
אין טומל איז קוים וואָס מען הערט.

## ליכטיקע טורעמס

עס הויבן זיך ליכטיקע טורעמס
און מויערן גאָר אָן אַ צאָל,
וואו ס׳פּלעגן די נאַכטיקע שטורעמס
און ווינטן זיך יאָגן אַמאָל.

דאָ ליגט איצט דער ים אַ פאַרצוימטער
און שלאָגט זיך אָן אייזערנע ווענט...
געזיגט האָבן מענטשלאַכע טרוימען
און גבורה פון מענטשלאַכע הענט.

און וואו ס׳פּלעגן נאַכטיקע שטורעמס,
און ווינטן זיך יאָגן אַמאָל, —
זיך הויבן איצט ליכטיקע טורעמס
און מויערן גאָר אָן אַ צאָל.

## זאָל אונז די אַרבעט דערהויבן

אין שווערע און גרויזאַמע צייטן
פון אָרימקייט, עלנט און פּיין,
אַלץ מוטיקער וועלן מיר שטרייטן,
אַלץ אייניקער וועלן מיר זיין.

און זאָל אונז די אַרבעט דערהויבן,
זאָל ברויזן אין אונז נאָכאַנאַנד
דער טיפער און הייליקער גלויבן
אין אַרבעטערס ערלאַכער האַנד.

נאָך מוטיקער וועלן מיר שטרייטן,
נאָך אייניקער וועלן מיר זיין
אין שווערע און גרויזאַמע צייטן
פון אָרימקייט, עלנד און פּיין.

ניט געשטויגן,
ניט געפלויגן

## ניט געשטויגן — ניט געפלויגן

הערט אַ מעשה, קינדערלאַך,
הערט מיט נאָז און אויגן;
איבער באָבע יאַכנעס דאַך
איז אַ קו געפלויגן.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען.
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך אַליין האָב דאָס געזען.

זומער אָוונט אינדערפרי
איז אַ שניי געגאַנגען.
און אויף אַ געברענטן שטרוי
איז אַ בער געהאַנגען.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען.
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך אַליין האָב דאָס געזען.

אויף אַ בוים געטאַנצט אַ שער
האָבן גענז און ציגן.
און אַ קאַץ האָט זיך געזעצט
אויסמעלקן די פליגן.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען.
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך אַליין האָב דאָס געזען.

האָט אַ פּאַווע איינגעשפּאַנט
העכט אַ פּאָר אין צעבער.
און ביי יאָשקען אויף דער נאָז
היינגט אַ לונג און לעבער.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען.
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך אַליין האָב דאָס געזען.

## די שטאָלצע ציג

גייט אַרום די ציג אויף שטאָלצן,
און דער באָק, ער ווערט צעשמאָלצן
פון זיין נחת, פון זיין גליק,
פון זיין בערדלדיקער ציג.

און די ציג איז אויך צעפרידן...
גייט זי אום אויף די יאַרידן,
שטעטל איין און שטעטל אוים,
אויף די שטאָלצן הויך און גרוים.

זיינען ציגן איר מקנא,
נאָר מען פרעגט ניט — וואָס, פון וואַנען:
אויף אַ מעשה, אויף אַ ליד
פרעגט מען דאָך קיין קשיות ניט.




## ברוך — איך האַנדל

איך האָב פֿאַרקויפֿט מיין שטוב און פֿעלד
און זיך געלאָזן אויף דער וועלט.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך ווייס ניט וואָס און ווייס ניט ווער.

נו האָב איך מיר ניט לאַנג געקלערט,
און איינגעהאַנדלט זיך אַ פערד.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך ווייס ניט וואָס און ווייס ניט ווער.

אַרויסגעפאָרן נאָר פון שטאָט —
מיין פערד גיט ווייטער ניט אַ טראָט.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך ווייס ניט וואָס און ווייס ניט ווער.

איך האָב מיין פערד פאַר האַלב פאַרקויפט
און האָב אַ בהמה זיך געקויפט.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך ווייס ניט וואָס און ווייס ניט ווער.

אַ גרויסע קו און שיין ווי גאָלד —
האָט זי זיך מעלקן ניט געוואָלט.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך ווייס ניט וואָס און ווייס ניט ווער.

פאַרקויפט די קו — געקויפט אַ ציג,
און ניט געהאַט צו איר קיין גליק.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך ווייס ניט וואָס און ווייס ניט ווער.

זאו נאָר אַ פעלד, אַ גאָרטן קרויט —
אַהאַ! מען שינדט איר שוין די הויט.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך וויים ניט וואָס און וויים ניט ווער.

איך האָב מיין ציג מיר אויך פארקויפט
און האָב אַ קעצעלע געקויפט.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך וויים ניט וואָס און וויים ניט ווער.

און אויך ניט אָפגעשניטן גוט:
זי האָט מיין נאָז צעקרעלט אויף בלוט.
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך וויים ניט וואָס און וויים ניט ווער.

איצט וואַנדער איך מיר אויף דער וועלט,
דער טאַש איז פוסט, די נאָז צעקרעלט...
נאָר ניט אַהין און ניט אַהער,
איך וויים ניט וואס און וויים ניט ווער.



# די קאַץ אין מאַרק

איינס און צוויי, און הויך, און שטאַרק!
גייט די קאַץ אַרוים אין מאַרק,
קויפן רעטאַך, קויפן ריבן,
קויפן אוגערקעס און כריין;
קומט זי אויפ׳ן מאַרק צוגיין —
ערשט ס׳איז גאָרנישט ניט געבליבן.
ווייס די קאַץ ניט וואָס צו טאָן,
טו און מאַך — וואָס הויבט מען אָן!
כאַפּט זי ערגעץ-וואו אַ ביין
און אַנטלויפט אויף שנעל אַהיים.



# אַ מעשה וועגן אַן אַלטן באָק

ליגט דער אַלטער באָק אין גראָז,
צוגעמאַכט די אויגן —
איז אַ פליג צו אים אין נאָז
גלייך אַריינגעפלויגן.

איינס, צוויי, אַט אַזוי, —
אוי אַריינגעפלויגן.

כאַפּט זיך אויף דער באַק פון אָרט,
הייבט אָן שטאַרק צו ניסן...
און די פליג צו זיך אין באָרד
גלייך אַריינגעשמיסן.

איינס, צוויי, אָט אַזוי, —
גלייך אַריינגעשמיסן.

פּלאָנטערט זי זיך נעבאַך דאָרט,
קאָן זיך ניט אויסדרייען...
טראָגן זיך ביים באַק פון באָרד
גוואַלטיקע געשרייען.

איינס, צוויי, אָט אַזוי, —
גוואַלטיקע געשרייען.

קוים אַרויס — און איז אין שרעק
שנעל אוועקגעפלויגן.
שאָקלט אום דער באַק דעם עק,
פינטלט מיט די אויגן...

איינס, צוויי, אָט אַזוי, —
פינטלט מיט די אויגן.

קוקט ער און ער ווייס ניט וואָס
האָט מיט אים געטראָפן,
לייגט ער זיך צוריק אין גראָז
און ווערט באַלד אַנטשלאָפן...

איינס, צוויי, אָט אַזוי, —
און ווערט באַלד אַנטשלאָפן.



# דער אינדיק

שטייט דער אינדיק אָנגעבלאָזן,
אין אַ ראָד דעם עק צעלאָזן,
און זיין שנאָבל רויט און בלוי,
באַמבלט זיך ביי אים אַזוי.
— האָלדער, האָלדער! הינער, הענער,
וועמעס קרעלן זיינען שענער?
האָלדער, האָלדער, זאָגט אַליין,
וועמעס קרעלן זיינען שיין?
נאָר די אינדיטשקע פון וויטן
ציט דעם האַלז אין אַלע זייטן,
גיט אַ גרעזל וואו אַ כאַפּ —
און זי טענהט: קנאַפּ, קנאַפּ, קנאַפּ...



# די באָבע טשוואָקלע

מיט אַ גראָבן שטעקן
און אַ לאַנגער שטריק
רייט די באָבע טשוואָקלע
אויף אַ שוואַרצער ציג.

גרויע צעפּ ווי שלאַנגען
הייגען איר פון קאָפּ,
פון דער זייט אַ טאָרבע
היינגט ביי איר אַראָפּ.

פון איר מויל דעם קרומען
שטעקן ציינער צוויי,
אַז ס'איז גאָר אַן אימה
אָנצעקוקן זיי.

הערט זי קינדער וויינען,
בלייבט זי דאָרטן שטיין.
לאָזט זיך מיט'ן שטעקן
צו די טירן גיין.

— זאָגט מיר נאָר, ווער וויינט דאָס?
גיט זי בייז אַ פרעג.
— קיינער, קיינער וויינט ניט,
גיי זיך אין דיין וועג.

זעצט זי זיך, אַ בייזע,
ווידער אויף דער ציג,
און זי נעמט זי שלאָגן
מיט דער לאַנגער שטריק.

רייט די באָבע טשוואָקלע
אויף דער ציג געשווינד,
הערט זיך איין, צי וויינט ניט
ערגעץ־וואו אַ קינד.




# די ראַבע הון

כאַפּט זיך אויף די הון, די ראַבע,
מיט אַ טומל און געשריי ׳
— אוי, אַ גדולה אויף דער באַבע!
אָט האָב איך געלייגט אַן איי!

נאָר דעם הינערשן געזינדל
גייט אינגאַנצן דאָס ניט אָן...
נו, פאַרדריסט דאָס אונזער הינדל,
גוואַלדעוועט זי אויף דעם האָן:

אייער לייג איך,
באָרוועס גיי איך,
ניי מיר אויף כאַדאַקעס!

אייער לייג איך,
באָרוועס גיי איך,
ניי מיר אויף כאַדאַקעס!...

שטייט דער האָן, דער גרויסער שוטה,
שטייט און ווייס ניט וואָס צו טאָן;
טרייסלט זיך זיין באָרד די רויטע:
קוקו־ריקו־ריקו־האָן!

ווערט דאָס הינדל באַלד אַנטשוויגן,
גאָר פאַרגעסן אָן דער איי;
— ווייסט, מיין מאַן, אַ פיינער ניגון,
גיב קאָרשט נאָכאַמאָל אַ קריי...

# אַ קאַראַהאָד

סוף־ווינטער, אין אַ בלויער נאַכט,
האָט דאָס אַמאָל פּאַסירט:
עס האָבן מייזעלאַך אין קיך
אַ קאַראַהאָד געפירט.

זיי האָבן דאָרטן גוטמוטיק
און זייער פיין פאַרבראַכט;
ערשט מיט אַמאָל האָט זיך אַ „מיאַו"
דערהערט אין מיטן נאַכט.

„מיאַ־אַ־או" — האָט זיך פון דרויסן שטיל
דערטראָגן אַ געוויין.
אַ קאַץ! אין אימה זיינען דאָרט
געבליבען אַלע שטיין.

און באַלד אין אַלע לעכער זיך
צעלאָפן האַסטיק, שנעל;
אַ מייזל האָט, אַנטלויפנדיק,
זיך אויסגעגליטשט ביים שוועל.

געפֿאַלן, נעבאַך, איילנדיק...
זיך אויפֿגעכאַפּט צעמישט,
אַ רגע מיט׳ן לאַפּקעלע
דאָס נעזל זיך געווישט, —

און ווידער, אַ דערשראָקענע,
שאַר־שאַר אַזוי, אויף גיך...
און שטיל, און פּוסט, און אומעטיק
געוואָרן איז אין קיך.

אַ פֿליג נאָר האָט פֿון שלאָף, ווייזט אויס,
אַ זשום געטאָן פֿאַרטראַכט,
און דורכ׳ן פֿענצטער האָט געקוקט
די שטערנדיקע נאַכט.



# נחת

שפּרינגט אַרום די קאַלב אין פעלד,
אַי, איז פריילאַך אויף דער וועלט!
און די מאַמע פון דער ווייט
ליגט אַ רואיקע און... קייט.

קייט און קייט אַזוי און טראַכט:
איי, אַ קאַלב האָב איך, אַ פּראַכט!
טאַקע, אַ געזונט אין איר,
איינגעגעבן זיך אין מיר.

פּרר... פון וועלדל, פלינק און פריי,
פליט אַ פייגעלע פאַרביי:
— מאַ־מע, זע נאָר, מאַ־מע, זע!
מע, אַוועקגעפלויגן, מע...

האַפּ! פאַרריסן הויך דעם עק
לאָזט דאָס קעלבל זיך אַוועק;
און די מאַמע פון דער ווייט
קוקט און טראַכט די גאַנצע צייט:

— זיבן וואָכן און אַ האַלב, —
קיין עין הרע, ס'אַ קאַלב!
יאָגט זיך, שפּרינגט און רוט ניט איין,
איי, וועט דאָס אַ בהמה זיין!



## א שמחה

צוועלף קליינע שיינע הינדעלאַך
האָט אויסגעפירט די הון;
איצט זיצט זי מיט די קינדערלאַך,
און וואַרימט זיך אין זון.

זיי צווישטשערן ווי פייגעלאך
אין מוטערלאכן שוים,
און וואו־ניט־וואו אַן אייגעלע,
אַ מיילכל שטעקט אַרויס...

ערשט נעכטן, אין אַ גוטער שעה,
זיך אויסגעשיילט פון איי;
או־וואַ! די קרובים האָבן דאָ
זיך שטאַרק געפרייט מיט זיי:

זעקס הינער האָבן זינגענדיק
געלאָזן זיך אין טאַנץ,
און הינטער זיי האָט שפּרינגענדיק
צעגאָרגלט זיך אַ גאַנז.

אויך האָבן זיך די סאַמעט־קעפּ,
די ענטעלאַך, געפרייט;
און ס׳האָבן אויף די לייטער־טרעפּ
זיך טייבעלאַך געדרייט.

דער אינדיק האָט געהאָלדערט הויך,
געבלאָזן זיך — אַ שרעק!
דער באָק, אַפילו, ער האָט אויך
געשאָקלט מיט׳ן עק.

איצט זיצט אויף זיי די מאַמע־הון
הרחבהדיק און ברייט, —
זי זשמורעט זיך פון העלער זון
און קוואָקעט שטילערהייט.

פון ווייטן שטייט דער בייזער האָן
און הויבט דעם קאָפּ אַרויף:
ער קוקט און היט, צי קומט ניט אָן
אַ פרעמדער אויפן הויף.

# אַ חתונה

ניט אַהינטער ים און טייכן
אין אַ פּאַלאַץ אין אַ רייכן,
ניט אַהינטער בערג און טאָל,
ווי מען זאָגט אייך אַלע מאָל, —

האָט ניט, קינדער, קיין פּאַריבל:
נאָר אין גאָר אַ קליינעם שטיבל
האָט אַמאָל אַ יונגע פליג
חתונה געהאַט מיט גליק.

ס'איז אַ חתונה געווען,
וואָס מען קאָן גאָר ניט פאַרגעסן,
ווייל עס טרעפט זיך זעלטן ווען
אַזאַ חתונה צו זען!

מחותנים רייכע אַלע...
און דער חתן מיט דער כלה —
זעלטן ווען מען זעט עס גאָר
אַזאַ צוגעפּאַסטע פּאָר.

גרויסע מיוחסיםביידע:
ס'האָט דעם חתנס עלטער זיידע,
פלעגן זאָגן אַלטע לייט,
נאָך געשטאַמט פון טיטוס-צייט.

צו דער חתונה, פאַרשטייט זיך,
האָבן אַלע שטאַרק געגרייט זיך.
אַזאַ זעלטענעם פּאַראַד
האָט קיין פליג נאָך ניט געהאַט.

אין דעם חופה-טאָג באַגינען
זיינען פליגן אָן אַ זינען
אומגעפלויגן הין און הער
און געאַרבעט געבאַך שווער:

דער — האָט אויסגעפּעלט אַ פּליאָטע,
דעם — אַ יאַק צי אַ קאַפּאָטע,
קורץ, מען האָט זיך אומגעדרייט,
צום באַזעצנס זיך געגרייט.

כלה-פליגן שטאַרק צעטראָגן
האָבן זיך געפּוצט, געצוואָגן;
די האָט צוגענייט דעם שלעפּ,
יענע האָט פאַרפלאָכטען צעפּ.

אַז מען איילט זיך — דאַמאָלסט גייט ניט,
און דער טאָג, דער טאָג ער שטייט ניט,
באַלד וועט שוין די זון פאַרגיין,
צום באַדעקנס דאַרף מען גיין!

און אין גאַס דערווייל די גרילן,
האָבן שוין גענומען שפילן
א „דאָברידזיען”, אַ וויוואַט,
חתנס צד און כלהס צד.

שפּעט אין אָוונט ערשט גענומען
האָבן ביסלעכווייז צו קומען
מחותנים פון דער ווייט,
פיינע, אָנזיכטיקע לייט:

פּערצן וואַזשנע טאַראַקאַנעס
אין באַזילבערטע זשופּאַנעס
האָבן זיך געלאָזט אַליין
צו דעם חתן-מאָלצייט גיין.

און נאָך זיי אַ חברה פריַיסן,
און אַ פלאַטערל אין ווייסן,
צוויי גאָטס-בהמהלאַך אין גרין,
זיבן מוקן און אַ בין.

באַלד פון דעם קבלת פנים
זיינען אלע מחותנים,
אין אַ גוטער שעה, אַוועק
צו דער חופה איבער וועג.

אונטערפירער, טאַראַקאַנעס
מיט די וואַנצן ווי ביי פאַנעס,
מיט הבדלות אין די הענט —
האָבן גאָר אַ וועלט געברענט!

און אַנטקעגן הינטער הרובע
האָט מען אויפגעשטעלט אַ חופה;
דאָרטן האָט די יונגע-פּאָר
זיך פאַרקניפּט אויף לאַנגע יאָר.

פון דער חופה נאָר געקומען,
האָט מען תיכּף זיך גענומען
אויסצעזעצן יעדן גאַסט
ביי די טישן, ווי עס פּאַסט.

מיט אַ סדר... ניט פאַרגעסן
ווען מען וואָס צו געבן עסן,
ס'האָט אויף דעם געהאַט איר בליק
אַ געניטע שפּאַניער פליג.

אין די שאָלאַכצן פון ניסלאַך
איז געווען אַלץ צו ביסלאַך:
ברעקלאַך צוקער, גרייפּלאַך, ברויט
און אַפילו ווערים־קרויט.

אַלץ געווען, גאָט צו דאַנקען!
און די עסנס, די געטראַנקען,
האָבן אַלעמען געשמעקט,
מ'האָט די פינגער גאָר געלעקט.

אומעטום, אין יעדן ווינקל,
האָט געלויכטן און געפינקלט,
ס'האָבן דאָרט די גוטע פריינד,
פייער־פליגעלאַך, געשיינט.

נאָכ'ן עסן האָבן גרילן
אָנגעהויבן טענץ צו שפּילן,
און דער עולם האָט מיט פרייד
אין אַ פריילאַכס זיך געדרייט.

און געטאַנצט מיט פאַרגעניגן
האָבן אַלע: פריסן, פליגן,
ניט געקוקט מיט ווער און ווער
זיך געהאָפּקעט אין אַ שער.

אין וואָס ווייטער — מער דערוואַרעמט,
מער געטומלט, מער געליאַרעמט,
ביז מען האָט באַשטעלט ביים גריל
אַ צוועלף-פּאָריקע קאַדריל.

און די מוקן, וואוילע יונגען,
האָבן טאַנצנדיק געזונגען,
און דאָס פּלאַטערל אין וויים
האָט צעקושט זיך מיט אַ פּריים.

מיט אַמאָל, אין מיט׳ן רומל,
איז געוואָרן דאָרט אַ טומל:
ערשט מען זעט — אַ שפּין קומט אָן,
גלייך צום רעכטן אויבנאָן!

גייט און ציט נאָך זיך אַ קנײַלכל...
און זיין קיילעכדיקער בײַכל, —
אַזוי מאָדנע ווי עס איז, —
וויגט זיך אויף די דאַרע פיס.

איז געוואָרן א מהומה.
פון דער כלהם צד אַ מומע
האָט אין גרויסן טומל דאָרט
גלייך געחלשט אויפ׳ן אָרט.



קוים דערמינטערט זי אַביסל...
מיט אַן אויסגעלינקטן פּיסל,
האָבן חברה יונגעלייט
אָפּגעפירט זי אַן דער זייט.

און אין טומל אין דעם גרויסן
האָט מען זיך גענומען שטויסן.
בלויז אַ שטילער טאַראַקאַן,
אַ באַיאָרטער קלוגער מאַן,

האָט זיך דאָרטן ניט פאַרלאָרן.
ער איז מער ניט בייז געוואָרן,
אויפגעשטעלט זיך און האָט באַלד
אויפגעהויבן דאָרט אַ גוואַלד:

„סטייטש, א שמחה גאָר פּאַרשטערן!
לאָמיר נאָר אַפּריער הערן,
אפשר קומט דער שפּין אַהער
ווי אַ פּראָסטער גאַסט, ניט מער!

איך וועל קאָרשט אים גיין אַנטקעגן,
און איך וועל אים טאַקע פרעגן, —
ווייל דער שפּין איז, ווי מיר שיינט,
מיינער גאָר אַן אַלטער פריינד".

און אביסל אָנגעבלאָזן,
האָט ער זיך צום שפּין געלאָזן.
וואָס געדעדט זיי האָבן דאָרט,
האָט מען ניט געהערט קיין וואָרט.

נאָר ער איז צוריקגעקומען
מיט דעם שפּין ארומגענומען, —
„קום, מיין ליבער פריינט, אריין
נעמען דאָ צו ביסלאַך וויין."

און אַ הויכע פליג, אַ דאַרע,
האָט גענומען מאַכן וואַרע,
מאַכן וואַרע ווי עס פּאַסט
פאַר אַן אָנגעלייגטן גאַסט.

און די קלעזמער — קלוגע גרילן —
האָבן אָנגעהויבן שפּילן
פאַר'ן שפּין מיט גרויס פּאַראַד
אַ גרויסאַרטיקן וויוואַט.

און דער שפּין האָט פון דערווייטן
זיך גענויגט אין אַלע זייטן,
און ער האָט דער יונגער פּאָר
צוגעוואונטשן לאַנגע יאָר.

„אַז צום גוטן — איז מיט גוטן,
בין איך אויך דאָך אַ מחותן...
טאַקע ווי איר זאָגט אַליין:
נאָר אויף שמחות זאָל מען גיין”...

אָנגעקוואָלן האָבן אַלע,
ווען דער חתן מיט דער כלה
האָבן איידל, שיין און פיין
מיט דעם שפּין געטרונקען ווייַן.

די גאַטס בהמהלאַך די קליינע,
און די מאַנטעלאַך די שיינע,
האָבן פאַר'ן שפּין מיט גלאַנץ
דורכגעטאַנצט דעם ברוגז־טאַנץ.

און אַזוי איז מען געזעסן
און געטרונקען, און געגעסן.
שפּעטער האָט דער שפּין אַליין
זיך געלאָזט אַ טענצל גיין.

אַלע האָבן צוגעזונגען,
און לחיימס פיל געטרונקען.
און אַזוי האָט מען אַ נאַכט
ביז'ן העלן טאָג פאַרבראַכט.

אוי, וואָס דאָרטן האָט געטאָן זיך!
איצטער אויך, אַז איך דערמאָן זיך,
נעמען מיינע פּיס אַליין
איבער שטוב אַ טענצל גיין.

ס׳איז אַ חתונה געווען,
וואָס מען קאָן גאָר ניט פאַרגעסן,
ווייל עס טרעפט זיך זעלטן ווען
אַזאַ חתונה צו זען.



# אינגעלאַך
# און
# מיידעלאַך




# אַ לידעלע

וועלף און בערן אין די וועלדער
שאָף און רינדער אויף די פעלדער,
פישעלאַך, און פייגעלאַך,
אינגעלאַך און מיידעלאַך, —
אַלע, אַלע קוועלן אָן,
ווען דער זומער-לעב קומט אָן.

## אין וואַלד

שטייט אין וואַלד אַ שטיבעלע
פאַרשלאָסן מיט אַ בייגעלע.
דאָרטן זיצט אַ ציגעלע,
דרעמלט אויף איין אייגעלע.

קומט צו גיין אַ מיידעלע
און ברייִנגט מיט זיך א קריגעלע.
שליסט זי אָפּ דאָס שטיבעלע
און מעלקט אויס דאָס ציגעלע.

גייט אַוועק דאָס מיידעלע,
קומט אָן נאָך איר אַ פייגעלע
און פאַרשליסט דאָס שטיבעלע
ווידער מיט אַ בייגעלע.





## קוקאַריקו האָן

קוקאַריקו האָן,
מחותנים קומען אָן,
קומען ערגעץ פון דער ווייט.
ווער אין לאַטעס,
ווער אין שמאַטעס,
ווער אין זופיצעס פון זייד.
קוקאַריקו האָן,
מחותנים קומען אָן.



## ביימער־קינדערלאַך

ביימער —  
קינדערלאַך צעשאָטן אויפ'ן באַרג!  
אַלע שמייכלענדיקע: פריילאַך!  
און די אַלטע ביימער,  
שטאַרק פאַרטראַכטע,  
גיבן אַכטונג פון דער ווייטן.

# שלאָף ליד

שלאָף, מיין אינגעלע, מיין קרוין,
אַלע, אַלע שלאָפן שוין;
און דאָס העזעלע אין וואַלד
וועט שוין אפשר אויפשטיין באַלד.

אָט־אָ: קוקא־רעקו־האָן,
קרייעט הויך דער ווייסער האָן;
דעם וואָס שלאָפט ניט, דעם וואָס וואַכט
זאָגט ער אָן — ס'איז האַלבע נאַכט.

הערסט, ער קרייעט נאָכאַמאָל
מיט אַ הייזעריקן קול.
שלאָף מיין טייער קינד, מיין קרוין,
אַלע, אַלע שלאָפן שוין.



# פייגעלאַך

פייגעלאַך, פייגעלאַך, קומט צו מיר,
קומט אַהערצו אַלע.
וואַרט אַ ווײַלינקע אויף מיר
וועל איך ברענגען חלה.

שרעקט זיך ניט, טײַערע פייגעלאַך,
קומט צו מיר אין סעדל.
וועל איך ברענגען בייגעלאך
און אַ זיסן פלעדל.

## איינס, צוויי, דריי

איינס — אָט שטייט ער,
צוויי — אָט גייט ער,
דריי — אָט נעמט ער
לויפן שנעל.

שנעל געלאָפן —
ניט געטראָפן:
האָפּ! געפאַלן
לעבן שוועל.



## די מומע צירל

גייט אַרום די מומע צירל,
שלעפּט זיך פון איר שוך אַ שנירל,
אַזוי לאַנג און אַזוי גרויס,
ביז זי פאַלט און ציט זיך אויס.

## לויף ניט

לויף ניט, דבורצע, גאָט באַהיט דיך!
וויסט? מען רעדט דער גאַנז אַ שידוך.
טרעף מיט וועמען? מיט דעם האָז...
זי פאַרדרייט נאָך אַלץ די נאָז.
נאָר, דו הערסט? עס פאַלט מיר איין,
אַז עס וועט אַ שידוך זיין.




## באַשע־מירל

באַשע־מירל, באַשע־מירל,
זע נאָר, זע, דאָס רויטע שנירל
פֿאַלט אַרוים ביי דיר פֿון צאָפּ!

ענטפֿערט גאָר נישט באַשע־מירל.
זינגט אַ לידל: טירל־לירל, —
אַ געזונט נאָר איר אין קאָפּ.

## פלאַטערלאַך, פליטערלאַך

פלאַטערלאַך, פליטערלאַך —
פּאָרט מען אויף שליטעלאַך;
גייט מען שפּאַצירן —
נעזעלאַך פרירן.

מאַכט מען אַ מענטשעלע,
גייט מען אַ טענצעלע
אַלע צוזאַמען,
פּנימלאַך פלאַמען.

מיידעלאַך, אינגעלאַך,
בלאָזן די פינגערלאַך...
ווינטער אין ווייסן
ניט אויפצעפּלייסן!



# עליע קאַפּעליע

עליע-קאַפּעליע, לאַנגע פּים,
זאָג וואָס דאַרפסט דו האָבן?
איך האָב געבראַכט אַ זעקל נים
און אַ זיסן פּלאָדן.

זיבן געבליבן, אַכט געבראַכט,
נייען אַלץ אינאיינעם.
האָט אייך, קינדער, אַ גוטע נאַכט
און אַ טאָג אַ שיינעם.

## שניי

ווינטער, ווינטער איז געקומען
און ער האָט די וועלט באַנייט;
וואו אַ וועג און וואו אַ שטעגל
אויסגעשפּרייט מיט ווייסן זייד.

לאָמיר איינשפּאַנען אַ שליטן
און זיך לאָזן אויפ׳ן פּעלד;
און די גלעקלאַך זאָלן קלינגען,
זינגען פון דער ווייסער וועלט.

מאַכט ניט אוים! ניטאָ קיין פוטער —
טו אָן אַלעם וואָס דו האָסט!
שעם זיך ניט, — נעם נאָך אַ טיכל,
ווייל עס ברענט אַצינד דער פראָסט...

נאָר זאָל הילכן דער געלעכטער,
טראָגן, יאָגן זאָל דער פערד;
און מיט אונזער פרייד באַלעבט זיין
זאָל די ווינטערדיגע ערד.



# בערל

בערל, בערל! קום אַהער,
זיי אויף אונז ניט ברוגז מער!
גיב אַ זונג,
גיב אַ שפּרונג,
איינס, צוויי,
אָט אַזוי.

זאָג, וואו שטייסט דו? — אויף אַ פּאַס.
זאָג, וואָס טרינקסט דו? — עפּל־קוואַס.

שאַר און טאַפּ,
לויף און כאַפּ,
טופּ־טופּ־טופּ
איבער שטוב.

— קאַמער, קאַמער, קאַמער־הויז!
— גיי אַקאַרשט אין יענעם הויז!
ווילסט ניט גיין?
בלייב אַליין,
טראַ־טאַ־טאַ
כאַ־כאַ־כאַ.

בערל, קום אַ טענצל גיין,
שטיי ניט, ווי אַ נאַר אַליין!
קוק ניט קרום,
גיכער קום,
קאַראַהאָד,
אין אַ ראָד.

האָפּאַי, האָפּאַי, האָפּאַי, האָפּ!
בערעלע הייבט אויף דעם קאָפּ:
האָפּטשאַק
פּאַמעראַק,
עסן צימעס
גאַנץ געשמאַק.

## אונזערע טעג

זיבן, זיבן זיינען מיר.
זיבן גוטע ברידער.
זיבן, זיבן גייען מיר
און מיר קומען ווידער.

ווייסע פערד, שוואַרצע פערד,
צווייערליי קאַראָטן ;
קיינמאָל ווערט ניט אויף דער ערד
אונזער שפּור פאַרשאָטן.

## ווינטן

פון מזרח בלאָזט אַ ווינט —
ציטערן די וועלדער.

פון מערב בלאָזט אַ ווינט —
פרייען זיך די פעלדער.

פון צפון בלאָזט אַ ווינט —
קינדערלאַך, פאַרדעקט זיך!

פון דרום בלאָזט אַ ווינט —
קינדערלאַך, ניט שרעקט זיך.

בלאָז, ווינטעלע, בלאָז,
בלאָז, ווינטעלע, בלאָז.

## אַ געזאַנג

קינדערלאַך, שפּילט זיך
אין גליקלאַכער שעה !
היינט איז אַ זונשיין
און מאָרגן ניטאָ.

גלעקעלאך קלינגען —
אַ זילבערנער קלונג !
נאָך אַמאָל, קינדער,
אַ זונג און אַ שפּרונג...

היינט איז אַ זונשיין
און מאָרגן ניטאָ ;
קינדערלאַך, שפּילט זיך
אין גליקלאַכער שעה !...

ווע̄לדער
און
פע̄לדער

# אין די וועלדער

אין די וועלדער וואַקסן סודותדיקע פּלאַנצן
אין אַ שטענדיקן האַלב גרינלאַכן פאַרנאַכט;
קיינמאָל זעען זיי דעם הימל ניט אינגאַנצן
אין זיין אָפנקייט, זיין ברייטקייט און זיין פּראַכט.

און זיי וויגן זיך אויף שטענגעלאַך אויף דינע
אַזוי ציטעריק, באַשיידן און פאַרקלערט...
אָדער טוליען זיך מיט בלעטעלאַך, מיט גרינע,
נאָענט-נאָענט צו דער פייכטער, שוואַרצער ערד.

בלעטער טונקעלע און גלאַנציקע, און מאַטע,
ווי מיט אָדערלאַך מיט ווייסלאַכע באַשפּינט;
בלעטער האָריגע, געררונצלטע און גלאַטע,
בלעטער זילבערנע, ווי אומגעקערט פון ווינט.

זיצט אַ נידעריגע בלעטער-פּאָר פאַרוואַונדערט,
אַ רויט בלימל לאַכט אַרוים פון זייער שוים...
און אַ בלימעלע צעשראָקן, אָפּגעזונדערט,
שפּרינגט צעשויבערט, ווילד, פון מאָכן-בעט אַרוים.

טריפן קווייטעלאַך אַראָפּ אַזוי ווי טרערן,
ווייסע, איידעלע ווי פּערלדיקער שוים;
בלויע שיכעלאַך, און פערדעלאַך, און שטערן
שמייכלען פריילאַכע אַרוים צום אַלטן בוים.

און פון ווייטן, צווישן שטיינער צווי געפאַנגען,
קוקט אַ בלימל מיט אַ פייערדיקן אויג;
און אַנטקעגן, אויף אַ שטעקעלע אַ לאַנגן,
גיט אַ גלעקעלע מיט בלויקייט זיך אַ בויג.

דרימלען קווייטן ניט צעעפנט נאָך אינגאַנצן,
בלימלאַך טונקעלע אין סאַמעטענער פּראַכט...
טיף אין וועלדער וואַקסן מאָדנע, שטילע, פלאַנצן
אין אַ שטענדיקן האַלב-גרינלאַכן פאַרנאַכט.



# שוועמלאַך

פול מיט שוועמלאַך איז דער וואַלד
זומער נאָכ׳ן רעגן;
וואו דו גייסט און וואו דו קוקסט
שמייכלען זיי אַנטקעגן.

שטייט דער קלאָרער קעזערל,
ווי מיט זייד באַצויגן.
האַלט זיין בלויע היטעלע
הויך אַרויפגעבויגן.

אָט אַ שוואָם אַ גיפטיקער,
רויט מיט ווייס באַשפּרינקלט;
און דער טראָפּן טוי אויף אים
לויכט זיך דורך און פינקלט.

אַ משפּחה מאָכעווער,
אונטערשלאַקן ברוינע,
הויבן זיך פון מאָך אַרויס,
קרעפּטיקע אַזוינע!

אָן דער זייט דאָס היטעלע,
מיט אַ רונדן בייכל,
קוקט דער שטאָלצער בוראַוויק:
ווער איז דאָ מיין גלייכן?

געלע שוועמלאַך ליכטיקע,
פריילאַכע און שיינע,
איבער וואַלד צעלויפן זיך
פונקט ווי קינדער קליינע.

זיצן די טאַלסטוכעס שווער,
דיקע באַלעבאָסטעס...
אַ געזינדל ריזשיקעס,
אויך ניט פון די פּראָסטע.

און וואָלווענקעס ראָזעווע,
האָריקע ווי סאַמעט,
וואָרצל-שוועמלאַך גרינלאַכע
צענדליקער צוזאַמען...

ווייס ווי מילך אַ שוועמעלע,
ערשט אַרויסגעקומען,
שמייכלט-צו, א ליכטיקער,
צו זיין גרויער מומע.

אויף אַ דינעם פּלעקעלע
באַמבלט זיך אַ שיסל:
ס'איז אַ שוואָם אַ הינטישער
אויף אַ דינעם פיסל.

אַלע שוועמלאַך הינטישע
האָבן פּיסלאַך דינע,
און דער פּולווער-שוואָם שיסט אוים
מיט אַ רויך אַ גרינעם.



## דריי פייגל

זיצן דריי פאַרקלערטע פייגל
אויף אַ הויכן בוים אין פעלד.
זיצן דריי פאַרקלערטע פייגל
און באַטראַכטן שטיל די וועלט.

וויגט אַ ווינטעלע די זאַנגען,
פאַלט אַ בלעטל וואו אַראָפּ,
ווי פאַרטיפט אין די געדאַנקען,
בויגט אַ בלימל איין דעם קאָפּ.

צינדט זיך אָן אַ ווייסער שטערן
אין דעם סאַמעטענעם רוים.
זיצן פייגל דריי און קלערן
אויף אַ הויכן אַלטן בוים.



## אין אַ ליכטיקן טאָג

זוי אַ שנור פון זילבער
אויף אַ גרינעם סאַמעט,
שלענגלט זיך דאָס טייכל
דורך די גרינע לאַנען.

אויף די הויכע שטענגלאַך,
שמייכלענדיקע, דרימלען
קווייטן גאָלדיק־געלע,
קווייטן בלוי ווי הימל...

און אַ קו אַ ווייסע
מיט אַ רויטן קעלבל,
פּיטערן זיך רואיק
לעבן שטילן וועלדל.

## טונקל גרין אַרום...

טונקל־גרין אַרום; און פייגל זינגען;
ערגעץ גרילט אַ גריל...
שטיי איך מיר אין מיטן וואַלד און חלום,
כ'וויים ניט וואָס איך וויל.

באַלד אַריבער שוין דער ליבער זומער
אומבאַמערקטערהייט;
פיל איך שוין פון זאַטן האַרבסט דעם אָטעם
אין דעם פאַרב פון קווייט...

בלעטלאַך וואו ניט וואו, באַמערק איך,
ווערן שוין פאַרדאַרט, —
טראַכט איך מיר: עס מוז דער האַרבסט דאָך קומען,
נאָר ס'פאַרדריסט... עס אַרט.

שיינט די זון נאָך וואַרים, העל און ליכטיג,
און אַרום איז שטיל...
שטיי איך מיר אין מיטן וואַלד און חלום,
כ'וויים ניט וואָס איך וויל.

# אַ לבנה־נאַכט

וועלדער, פעלדער איינגעשלאָסן
און פאַרטראַכט;
שטיל... איר גרויסן סוד צעגאָסן
האָט די נאַכט.

די לבנה, ווייסער אומעט,
קלאָר און ריין;
אין דער שטיל אַרויסגעשוואומען
איז אַליין.

זיך צעשמייכלט פול מיט טרויער
שטיל, פאַרקלערט,
צו דער דורכזיכטיגער, בלויער,
יונגער ערד.

און צעעפנט האָט אַ בלימל
זיך אין פראַכט
פאַר דער האַרינטע פון הימל
אין דער נאַכט.

## זומער אין פעלד

זוניק, העל און שטיל אַרום;
אויף אַ שלאָפנדיקער בלום
רוט אַ פלאַטערל אין שיין...
ביז ער דרימלט אַזוי איין.

פעלדער גרינע פול מיט רו,
פאַשעט דאָרטן זיך אַ קו;
פליט אַ פליג אויף איר אַרויף —
הויבט זי גאָר דעם קאָפּ ניט אויף...

גיט נאָר מיט'ן עק אַ צי —
טוט די פליג פון איר אַ פלי...
דרייט זיך אוים און קומט צוריק,
אָט — אַ העזה פון אַ פליג!

שאַ! פון ערגעץ אויף די גראָז
שפּרינגט אַרויס אַ גרויער האָז;
גיט אַ שפּרונג און שטעלט זיך צו,
און דערזעט די רויטע קו.

קוקט ער זי פאַרוואונדערט אָן
און ער ווייס ניט וואָס צו טאָן...
גיט ער שנעל אַ קרים זיין נאָז
און באַהאַלט זיך אין די גראָז.



## צוויי זשאַבעס

זומער אָוונט; גרין און שטיל;
אין די גראָזן פּייפט אַ גריל;
און דער אַלטער וואַלד פאַרקלערט,
פון דערווייטן שטייט און הערט.

לעבן טייכל אויף אַ שטיין
זיצן זשאַבעס צוויי אַליין;
פּיינע, דיקע זשאַבעס צוויי —
און זיי ריידן זיך אַזוי:

— קוואַ־קוואַ־קוואַ, — עס ווערט שוין קאַלט,
אָט איז שוין אוים זומער באַלד!
— יע, אוים זומער! קוואַ־קוואַ־קוואַ,
ס׳איז אַ מאָדנע וועלט אַזאַ!...

און אַרום איז פריש און קיל,
סודן זיך די ביימער שטיל...
און די שאָטנס קרום און גלייך
פאַלן אויפ׳ן שטילן טייך.



# אַ פויגל אין וואַלד

ביינקט אַ פויגל ערגעץ עלנד
אין דער שטילער ביימער-וועלט;
און אַרום אין קאַלטער ווייסקייט
שפּרייט זיך אויס דאָס שנייען-פעלד.

אויסגעשטרעקטע הוילע צווייגן,
קאַלט און קלאָר איז אַלץ אַרום...
ס׳ציען זיך נאָר ווייסע פעלדער,
וויסטע פעלדער אומעטום.

אוי וואָס ביינקסט דו, ליבער פויגל,
וואָס אַרום איז וויסט און קאַלט,
צי דו ביינקסט, ווייל דו ביזט עלענד
אין דעם ווינטערדיגן וואַלד?...

# דער פרי־יאָר קומט

דער פרי־יאָר קומט, דער פרי־יאָר קומט!
דאָס טייכל רוישט, דאָס טייכל ברומט,
די זון פון העלן הימל שיינט —
איך האָב געזען שוין שוואַלבן היינט,
די פרי־יאָר־געסט, די ליבע געסט,
זיי פלעכטן שוין ביי אונז אַ נעסט.

ווי פריי און ליכטיק איז אין פעלד!
אַ נייע וועלט, אַ שיינע וועלט,
אַ גוטער מלאך האָט ביינאַכט
די בלימלאַך אויף דער ערד געבראַכט,
און ס'פליען מיאַטליקעס אַרום
פון גראָז צו גראָז, פון בלום צו בלום.

און רוישיק איז אין אַלטן וואַלד,
ער וועט אין גאַנצן גרין זיין באַלד;
די צווייגן ציען זיך אַרויף,
די ברוינע פלאַנצן בליען אויף,
עס רוישט און שאַלט, און זינגט, און ברומט:
דער פרי־יאָר קומט, דער פרי־יאָר קומט!

# טייכן רוישן

טייכן רוישן פולע, ברייטע,
קלאָר און בלוי דער הימל;
אַט האָט שוין שטיפער פרי־יאָר
אויפגעוועקט פון דרימל,

אַלע וועלדער, אַלע טייכן,
אַלע בערג און קוואַלן...
און זיי פינקלען, און זיי שיינען
אין די העלע שטראַלן.

און אַ צוויטשעריי, אַ טומל
קומט פון אַלע זייטן;
שאַ! דער ערשטער דונער, הילכיק,
קייקלט זיך פון ווייטן.

## אָוונט

אויף עפּעס וואַרטן באַרג און טאָל,
דער וואַלד הערט אויף צו ברומען,
אַלץ נידעריקער בויגן זיך
צו דער ערד די בלומען.

דער טייך איז ווי אַ שפּיגל גלאַט,
עס רירט זיך ניט דאָס וואַסער...
עס ווערט דער אָוונט שטילער אַלץ,
טונקעלער און בלאַסער.

און אויבן, ווי אַ סטאַדע שאָף,
די קופּער־וואָלקנס ליגן;
אַ פויגל ערגעץ גיט אַ זונג
און ווערט באַלד אַנטשוויגן.

# פאַרנאַכט

אויסגעלייטערט איז דער הימל
און דער אָוונט בלוי;
אין דעם בעכערל פון בלימל
שיינט אַ טראָפּן טוי.

שטיל... און איילנדיק צוויי טויבן
פליען שוין אַהיים;
און אַ שטערנדל פון אויבן
צינדט זיך אין געהיים.



# געלע בלעטער

געלע בלעטער פליען,
פליען אויפ'ן ווינט ;
און די וואָלקנס ציען
ערגעץ־וואו געשווינט.

וועלקט דאָס לעצטע בלימל
אויפ'ן הוילן פעלד,
און דער גרויער הימל
טרויערט אויף דער וועלט.

פאַלן פון די וועלדער
בלעטער אויפ'ן וועג ;
נעבלדיקע פעלדער,
אומעטיקע טעג...

# בלוי און גאָלד

בלוי און גאָלד; סוף זומער טעג.
סטרונעס אָנגעצויגענע!
ווייטע וויטן אָן אַ ברעג,
ביימער איינגעבויגענע.

היינגלאַך רויט און היינגלאַך געל
אומעטום צעהאָנגענע;
טעג פון זומער — אויפ׳ן שוועל
פון דעם האַרבסט געפאַנגענע...



## האַרבסט

עס טוט זיך אָפּ
דער גלאַנץ פון וועלדער,
עס שרייט אַ ראָב
אויף פּוסטע פעלדער...

אַלץ גרוי און געל —
אָ, זומער ליבער,
ווי שנעל, ווי שנעל
דו ביזט אַריבער!



## רױשט דער װאַלד

רױשט דער װאַלד און בלעטער פֿאַלן,
און עס יאָגט דער װינט...
נײן, ניט אַלץ איז נאָך פֿאַרפֿאַלן,
שרעק זיך ניט, מײַן קינד.

זאָלן זיך די װאָלקנס װעבן
איבער װיסטן פֿעלד, —
ס׳גײט, מײַן קינד, אַזױ דאָס לעבן,
ס׳גײט אַזױ די װעלט.

זאָלן זיך די כמאַרעס ציען
איבער שװאַרצן װאַלד, —
ער װעט װידער זיך צעבליִען,
פֿון דער זון באַשטאַרלט.

נײן, ניט אַלץ איז נאָך פֿאַרפֿאַלן,
שרעק זיך ניט, מײַן קינד,
װען די בלעטער פֿאַלן, פֿאַלן,
און עס יאָגט דער װינט.

# פליען פייגעלאַך

פליען, פליען פייגעלאַך
פון דעם וואַלד אַרויס,
קלייבן אויף די קערנדלאַך
אויף דעם ברייטן וועג.
זיינען מיר ווי פייגעלאַך
אויף דער וועלט אַרויס, —
פאַלט אַ קערנדל אַראָפּ,
קלייבן מיר עס אויף...


סוף



# אינהאלט


| | |
|---|---|
| קינדערלאַך | 7 |
| ליכטיקייט | 8 |
| צייטנווייז | 9 |
| פרילינג אין שטאָט | 10 |
| שמייכלען | 12 |
| גוט מאָרגן | 13 |
| דאָס פלאַטערל און דער וואָרים | 14 |
| טויבן | 16 |
| פרייד | 17 |
| חנהלע | 18 |
| אַזוי שיין | 21 |
| טעג | 22 |
| חומש | 23 |
| יונגע פייגל | 24 |
| אַ פרימאָרגן אין שטעטל | 27 |

ווינטער אָוונט . . . . . . . . . 29
דער באָבעס ליד . . . . . . . . . 33
אין אַ ווינטערדיקער נאַכט . . . . 35
דער פעטער עליע . . . . . . . 39
אַ זומער נאַכט אין שטעטל . . . . 42
אַ גרוס . . . . . . . . . . . 44
אַ לעגענדע . . . . . . . . . 46
אַרבעט . . . . . . . . . . . 51
מאַרש פון ערשטן מאַי . . . . . 52
ברויט . . . . . . . . . . . . 55
צו די זאַטע פון לעבן . . . . . . 56
צו סטרייקער . . . . . . . . . 58
דער אַלטער פאַרמער . . . . . . 59
אויף אַן אַרבעטער בית עולם . . . 63
אין פאַבריק . . . . . . . . . 64
ליכטיקע טורעמס . . . . . . . 65
זאָל אונז די אַרבעט דערהויבן . . 66
ניט געשטויגן-ניט געפלויגן . . . . 69
די שטאָלצע ציג . . . . . . . . 71
ברוך — איך האַנדל . . . . . . 72
די קאַץ אין מאַרק . . . . . . . 75
אַ מעשה וועגן אַן אַלטן באָק . . . 76

דער אינדיק . . . . . . . . . . 79

די באָבע טשוואָקלע . . . . . . . 80

די ראַבע הון . . . . . . . . . 82

אַ קאַראַהאָד . . . . . . . . . . 84

נחת . . . . . . . . . . . . . 86

א שמחה . . . . . . . . . . . 88

א חתונה . . . . . . . . . . . 91

אַ לידעלע . . . . . . . . . . . 105

אין וואַלד . . . . . . . . . . . 106

קוקאריקו האָן . . . . . . . . . 109

ביימער-קינדערלאך . . . . . . . . 110

שלאָף ליד . . . . . . . . . . . 111

פייגעלאַך . . . . . . . . . . . 112

איינס, צוויי, דריי . . . . . . . . 113

די מומע צירל . . . . . . . . . 114

לויף ניט . . . . . . . . . . . 115

באַשע מירל . . . . . . . . . . 116

פלאַטערלאַך, פליטערלאַך . . . . . 117

עליע-קאַפעליע . . . . . . . . . 118

שניי . . . . . . . . . . . . . 119

בערל . . . . . . . . . . . . . 120

אונזערע טעג . . . . . . . . . . 122

ווינטן . . . . . . . . . . . . . 123
אַ געזאַנג . . . . . . . . . . 124
אין די וועלדער . . . . . . . . 127
שוועמלאַך . . . . . . . . . . 131
דריי פייגל . . . . . . . . . 134
אין אַ ליכטיקן טאָג . . . . . . . 137
טונקל גרין אַרום . . . . . . . 138
א לבנה נאַכט . . . . . . . . 139
זומער אין פעלד . . . . . . . 140
צוויי זשאַבעס . . . . . . . . 142
אַ פויגל אין וואַלד . . . . . . 145
דער פרי־יאָר קומט . . . . . . 146
טייכן רוישן . . . . . . . . . 147
אָוונט . . . . . . . . . . . . 148
פאַרנאַכט . . . . . . . . . . . 149
בלוי און גאָלד . . . . . . . . 150
געלע בלעטער . . . . . . . . . 151
האַרבסט . . . . . . . . . . . 152
רוישט דער וואַלד . . . . . . . 153
פליען פייגעלאַך . . . . . . . . 154

געדרוקט אין אפּ־טו־דעיט פּרינטינג קאָ., 476 בראָדוויי, ניו יאָרק.

Printed in U. S. A.